# ניו יארק סטעיט
דעפארטמענט פון
היימלאנד זיכערהייטס און
עמערדזשענסי סערוויסעס

## שיצט
## ניו יארק

## #אויב זעהט איר עפעס- זאגט עפעס״#

באריכטעט פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן

**1-866-SAFE-NYS**
**1-866-723-3697**





## #אויב זעהט איר עפעס- זאגט עפעס״#

**באריכטעט יעדע פארדעכטיגטע אקטיוועטעט צו די ניו יארק סטעיט טעראריזם טיפס האטליין אויף**

**1-866-SAFE-NYS**
**1-866-723-3697**
דורכאויס ניו יארק סטעיט

**1-888-NYC-SAFE**
**1-888-692-7233**
אין ניו יארק סיטי


ניו יארק סטעיט
דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט און
עמערדזשענסי סערוויסעס
*אפיס פון קאנטער טעראריזם*
**www.dhses.ny.gov**
Harriman State Office Campus
1220 Washington Avenue
Building 7A
Albany, NY 12242


*עס איז פאראן א אנגייענדע זארג אז די פערזאנען וועלכע ציהלן צו שטערן אונזער לעבנס-שטייגער- דורך אונטערהאקן אונזער עקאנאמיע- אדער דורך אנמאכן פיזישע אדער פסיכאלאגישע ליידן- זעצן פאר צו פלאנירן אקעגן אונז, סיי ווער קען פאדן א קרבן צו זייערע אקטיוויטעטן. די זארג איז נישט בלויז איבער אינטערנאציאנאלע טעראריסטן- נאר אויך פון די וועלכע זענען אויסגעוואקסן אין אונזער היים לאנד.*

*מיט יעדן פארבייגייענדן טאג דערוויסן מיר זיך איבער נייע מיטלען און טאקטיקן וואס די פערזאנען קענען נוצן צו פאראויסרוקן זייערע פלענער. זיי זענען אומשטאנד צו נוצן אונזערע אייגענע פארמעגנס- אדער פארמעגנס וואס געפינען זיך אינערהאלב אונזערע געמיינדעס- כדי צו קענען קריגן געוויסע מאטריאלן- קענטעניסן אדער וויסנשאפט וואס איז וויכטיג פאר'ן דערפאלג פון זייערע קרימינאלע פלענער.*

*מיר האבן די מעגליכקייט צו אידענטיפיצירן די פערזאנען איידער זיי מאכן אן שאדן ווען זיי גייען זיך אום אויף א וועג וואס שטימט נישט מיט'ן געוועגליכן שניט פון אקטיוויטעטן אינערהאלב אונזער געוועגליכן לעבן- שטייען זיי ארויס פון אנדערע מענטשן.*

**#אויב זעהט איר עפעס- זאגט עפעסן״#**



## טעראריסטישע גרופעס זענען באוואוסט צו...

- אויפשטעלן טעראר צעלן און אונטערנעמונגען אינערהאלב די פאראייניגטע שטאטן.
- זיין פארשידענארטיג און באשטיין פון מיטגלידער פון פארשידענע קולטורן.
- זיך אפגעבן מיט קרימינאלע האנדלשאפט פאר פינאנצירונגס צוועקן.
- פעלשן געלט פאר פינאנצירונגס צוועקן ($100 און $50 דאלאר בילס זענען אמערסטענס אפט).
- שמוגלען און טראפיקירן דראגס דורך פארשידענע מיטלען אריינגערעכנט פערזענליכע אויטאס, טראקטאר-טרעילארס, מאטארביציקלעך, קליינע פריוואטע פליגערס, קליינע שיפלעך, שניימאבילס און שליטן׳ס.
- זיך אפגעבן מיט אומלעגאלע אלקאהאל און ציגארעטן האנדל.
- אומלעגאל קויפן און האנדלען מיט וואפן.
- נוצן די אינטערנעט צו פארשפרייטן זייער מיסיע, שטיין אין פארבינדונג מיט די מענטשן וועלכע גלייבן אין זייער צוועק, און פארשאפן נייע מיטגלידער.

***ציטליך דערשפירן און באריכטן מעגליכע טעראר אקטיוויטעטן איז די ערשטע שוץ ליניע קעגן די וועלכע ציהלן צו שעדיגן די בירגער פון ניו יארק סטעיט- און איהרע פארמעגנס***



## וויאזוי איר קענט העלפן פארמיידן טעראריזם

**ווייסט די רוטין**. זייט וואכזאם ווען איר גייט אן מיט אייער טעגליכע ווירשאפט. דאס וועט אייך העלפן זיך דערוויסן די נארמאלע רוטין פון אייער געגנט, געמיינדע און ארבייטס פלאץ. פארשטיין די רוטין׳ס וועט אייך ארויסהעלפן צו באמערקן סיי וועלכע זאך וואס איז נישט אין פלאץ.

**זייט באוואוסטזיניג איבער וואס קומט פאר ארום אייך**. סיי אויב איר פארט, זענט ביי דער ארבעט אדער אינדערהיים, קוקט זיך אום פאר פארדעכטיגטע אקטיוועטען. לערנט אייך אויס אויפצוכאפן פארדעכטיגטע בריוו, שאכטלעך, פעקלעך וועלכע זענען פארלאזט אין פארזאמלונג ערטער, אזוי ווי אן אפיס געביידע, לופטפעלד, שולע, אדער א שאפינג צענטער.

**נעמט אויף ערנסט וואס איר הערט**. אויב איר הערט אדער ווייסט פון איינעם וואס האט זיך געגרויסט אדער גערעדט איבער פלענער צו שעדיגן בירגער דורך ווילדע אטאקעס, אדער וואס ערקלערט מיטגלידערשאפט אין א טעראריסטישע ארגאניזאציע, נעמט זיי אויף ערנסט און באריכטעט דאס זאפארט צו געזעץ-פארסירונג.

### #אויב זעהט איר עפעס- זאגט עפעס״#

באריכטעט סיי וועלכע פארדעכטיגטע אקטיוועטעט צו די ניו יארק סטעיט טעראריזם טיפס האטליין אויף **1-866 SAFE-NYS** (1-866-723-3697). אלע קאללס זענען פריי פון אפצאל און וועלן פארבלייבן אין שטרענגסטן געהיים. צו באריכטן עמערדזשענסיס אדער אנגייענדע פארברעכנס רופט 911.

### <u>שילדערן פארדעכטיגטע אויפפירונג</u>

- ✓ **ווען** האט איר געזען?
- ✓ **וואס** האט איר געזען? זייט ספעציפיש.
- ✓ **וואו** האט איר דאס געזען?
- ✓ **ווען** האט איר דאס געזען?
- ✓ **פארוואס** איז דאס פארדעכטיגט?

### <u>אויב באמערקט איר פארדעכטיגטע אקטיוויטעט</u>

- ➢ **טוט נישט** נעמען אייגענע שריט.
- ➢ **טוט נישט** קאנפראנטירן דעם פערזאן.
- ➢ **טוט נישט** אנטדעקן אייערע פארדאכטן.
- ➢ **טוט** פארצייכענען וויפיל דעטאלן ס׳איז נאר מעגליך.
- ➢ **טוט** מעלדן די פאסיגע אויטאריטעטן ווי שנעל ס׳איז נאר מעגליך.

## ווייסט די אכט סימנים פון טעראריזם



1) **אויסשפירונג:** אקטן ווי רעקארידן אדער בא-אבאכטן, נעמען בילדער, מאכן מאלערייען.

2) **פארדעכטיגטע אויספרעגונג:** פארזוכן צו באקומען אינפארמאציע איבער די ווירטשאפט, שטאב און סעקיוריטי.

3) **אויספרובירן סעקיוריטי:** סיי וועלכע פארזוכן צו מעסטן די רעאקציע צייט צו אריינדרינגן אין פארשלאסענע ערטער.

4) **פינאנצירונג:** פארדעכטיגטע טראנזאקציעס פון גרויסע סומעס קעש צאלונגען, דורך דעפאזיטס, ארויסנעמונג אדער טראנספערירן געלט; גרויס געלט קעש שמוגלעריי; פארדעכטיגטע פינאנציעלע שווינדל; פארקויף פון פאלשע זאכן; אדער פארפירערישע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס.

5) **איינהאנדלן געברויכן:** פארשאפן אויפרייס מאטריאל, וואפן, יוניפארמס, מונדירן, קרעדענשאלס.

6) **פארדעכטיגטע פערזאנען נישט-אין-פלאץ:** דאס קען אריינרעכענען מענטשן וועלכע זענען אין פלעצער וואו זיי דארפן נישט זיין, ווי אויך מענטשן וועלכע פאסן נישט אריין אינעם טעגליכן רוטין פון אייער געגנט אדער געמיינדע.

7) **טרוקענע אדער פרואוו אקציע:** אריין שטעלן מענטשן אין פאזיציע און זיי ארום פירן אן פאקטיש דורך פירן א טעראריסטישע אקט.

8) **אויסשטעלן פארמעגנס:** אריין שטעלן מענטשן און געברויכן אין פאזיציע כדי דורך צו פירן אן אקט.